בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## חַג הַסֻּכּוֹת

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים?......................................א

קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין הֲפָצָה מִיטְ'ן גֶעבְּן גֶעלְט דֶערְפַאר?..............ה

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?.....................................ו

וֶוען דַארְף מֶען טוֹישְׁן צוּ דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מִנְהָגִים?.........................ח

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶוען דִי פָּרָשִׁיּוֹת זֶענֶען נִישְׁט מְסוּדָר גֶעהֶערִיג?........................................................ט

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן חוֹבוֹת?......יא


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"........................א

וִויפִיל אַ פְּרוֹי דַארְף דַאוֶוענֶען.............................................ב

צֶעטֵיילְן דִי הַפְסָקוֹת..........................................................ב

פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין נֶערְוֶוען אִין שְׁטוּב...ג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְּרוֹיעֶן בַּיי לִיכְט צִינְדְן..........................................ד

זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי שְׁכֵנִים..............................................ה

אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן גֵיין לֵיידִיג..................................ו

זָארְג נִישְׁט אִיבֶּער דֶעם וָואס הָאט פַּאסִירְט צוּ דִיר יוֹם כִּיפּוּר......ו

אִיךְ הָאב מֶער הֲנָאָה וֶוען דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה.................................ז

וֶוען מְ'אַנֶערְקֶענְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן, דֶעמָאלְט קוּמְט דִי יְשׁוּעָה..........................................................ז

אַז מֶען הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט ........................ ח

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם "בַּר מִצְוָה" ......... ט

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי 'בֵּין הַזְּמַנִּים' ............................... ט

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, זַיי נִישְׁט פַאַרְנוּמֶען מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן .. י

מֶעגְסְט בָּארְגְן גֶעלְט פַאר יוֹם טוֹב ........................ יא

אַנְשְׁטָאט לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען זָאל מֶען לֵיינֶען
חִזּוּק פוּן רֶבִּי'ן ........................ יב

רֶעד קְלָאר צוּ דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מְנֻוָּלִים ........................ יג

הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען אָפְּלָאזְן מַיין טֶעלֶעפָאן ....טו

אַ רֵיינֶע שְׁלָאף ........................ טז

עֶס טוּט זִיךְ שִׂמְחוֹת, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אוֹיךְ אַ חָתָן וֶוערְן...יז

נֶעם זִיךְ חַבֶר'טֶעס וָואס רֶעדְן פַּאזֶעטִיוו ........................ יז

יֶעדֶער זָאל זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי קְהִלָּה ........................ יח

מְ'קֶען נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן וָואס מְ'קֶען ........................ יט

אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער יֶעדְן אֵיינֶעם ........................ יט

זִיךְ אָוֶועקְזַעצְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט אוּן לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה...... כ

אַרוֹיסְגֶעבְּן קְלִיפְּס פוּן אֱמוּנָה ........................ כ

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נָאר שַׁיָּיךְ וֶוען 'בֵּיידֶע' אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם ......... כא

דֶער יְסוֹד פוּן מְלַמְּדוּת אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ ........................ כב

נִישְׁט גֵיין אִין גַאס מִיט שְׁטוּבּ קְלֵיידֶער ........................ כב

דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט דִי חֲתוּנָה נַאכְט, נָאר דָאס לֶעבְּן נָאכְדֶעם...כג

לָאז דַיין וַוייבּ גֵיין וִוי אַזוֹי זִי גֵייט ........................ כד

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוֹיסְהֵיילְן פוּן
קָארָאנֶע ........................ כה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וִוי אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי עֶנְטְפֶער וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף מַיין שְׁאֵלָה וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן מַיין וַוייבּ מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר [דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]. אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל גֶעוֶוען צֶעמִישְׁט, וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן פְּרִישׁוּת, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף כְּסֵדֶר נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייבּ אוּן יֶעצְט אִיז מִיר דָאס קְלָאר גֶעוָוארְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען בִּיטֶע שְׁרַייבְּן מֶער אוֹיף דִי נְקוּדָה וִוי וַוייט מֶעגְלִיךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִיבֶּער זַאכְן צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן בִּרְמִיזָה.

נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייבּ טָאג אוּן נַאכְט וְכוּ' אִיז נִישְׁט דִי וֶועג אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין גוּטֶער מַאן; נִישְׁט דָאס מֵיינְט גֶעבְּן

לִיבְּשַׁאפְט, דָאס אִיז פַארְקֶערְט פוּן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט.

לִיבּ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיז וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי אֵייגֶענֶע וֶועג פַאר יֶענֶעם; אַז דֶער מַאן זָארְגְט פַאר זַיין וַוייבּ אוֹיף זַאכְן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בַּאזוּנְדֶערֶע הַנָאָה דֶערִין - דָאס מֵיינְט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט. וֶוען בֵּיידֶע, סַיי דֶער מַאן אוּן סַיי דִי וַוייבּ - גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן פַארְ'ן צְוֵוייטְן, מֶען טוּט יֶענֶעמְ'ס ווִילְן אֲפִילוּ וֶוען מֶען וָואלְט אַנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט - אַזַא פָּארְפָאלְק הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, דָאס אִיז אַ גְלִיקְלִיכֶע קָאפְּל.

דָאס וָואס מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייבּ וְכוּ'; פַארְקֶערְט, אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ וְכוּ' וֶוערְט מֶען בִּילִיג אִין אִירֶע אוֹיגְן, מֶען פַארְלִירְט דָאס חֲשִׁיבוּת, מֶען וֶוערְט אוֹיס מַאן וְכוּ'; זִי הֵייבְּט אָן שַׁאפְן אוֹיף אִים אַזוֹי ווִי אַ הַאר שַׁאפְט אוֹיף זַיינֶע קְנֶעכְט.

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן זָאל אִים זָאגְן ווִיפִיל וְכוּ'; יֶענֶעמְס וַוייבּ הָאט גֶעהֵייסְן חַוָּה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים יט, ג): וְלַיְלָה לְּלַיְלָה - יְ'חַוֶּה", דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל נָאכְלוֹיפְן אוּן מוּטְשֶׁען דִי וַוייבּ; אָךְ אוּן וֵויי פַאר דֶעם וָואס לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ, דֶער וֶוערְט זֵייעֶר בִּילִיג וְכוּ'.

אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ; זָאלְסְט הָאבְּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט פוּן דַיין ווִילְן. וֶוען דַיין וַוייבּ אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִי פַארְלִירְט זִיךְ אוּן רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין, זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק בַּיי דִיר נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן, אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, נָאר וַוייטֶער שֵׁיין רֶעדְן - דָאס וֶועט מַאכְן דוּ זָאלְסְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אִיר מִשְׁפָּחָה; אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ וֶועט אַלֵיינְס חוֹזֵק מַאכְן פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מִיט לַאכְן, דוּ זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן שְׁוַוייגְן. וַוייל קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט הֶערְן ווִי מֶען מַאכְט חוֹזֵק אוּן מֶען מַאכְט אַוֶועק דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה; פוּן אַ פְרֶעמְדְן ווִיל מֶען דָאס נִישְׁט הֶערְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט ווִיסְן וָואס מֵיינְט גֶעבְּן, וָואס מֵיינְט זַיין אַ

**גוּטֶער מַאן אוּן וָואס מֵיינְט נָאכְלוֹיפְן; זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט אַ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס מֵיינְט נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייבּ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס מֵיינְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת".**

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶע עֵצוֹת; דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֵצָה, וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער דַאוֶונְט מַעֲרִיב אוּן עֶר כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח)**: "דִי וֶוערְטֶער וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ תְּפִלָּה"; וַוייל דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵיקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צִי אַזוֹי, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן זָאלְסְטוּ טוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין וַוייבּ מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי אַ פְרוֹי הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה וִוי אַזוֹי זִי קֶען מַאכְן אִיר מַאן מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִיר, דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ פְרֶעגְן אַ פַארְקֶערְטֶע שְׁאֵלָה, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין וַוייבּ מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר?

מַיין וַוייבּ אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר פֵיין אוּן וואויל, עֶס קוּקְט אָבֶּער נִישְׁט אוֹיס אַז זִי אִיז צוּפִיל אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר. וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזַא גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי זִי הָאט גֶעוָואלְט? זִי דַארְף מִיר בְּעִיקָר אִיךְ זָאל מַאכְן קִידּוּשׁ אוּן הַבְדָּלָה, אוּן אִיךְ זָאל פַארְרֶעכְטְן דִי זַאכְן וָואס צֶעבְּרֶעכְן זִיךְ אִין הוֹיז. וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז זִי זָאל יָא זַיין

אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ**

**לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן צִי מֶען אִיז גֶעלוּנְגֶען אָדֶער נִישְׁט; אַ פְּרוֹי דַארְף אֵיין זַאךְ, אַ וואוּילֶער מַאן וָואס רֶעדְט שֵׁיין אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פִיר זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן זֶע צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב; וֶוען דִי פְּרוֹי זֶעט אִיר מַאן לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם קוּקְט זִי אַרוֹיף אוֹיף אִים, דֶער מַאן וֶוערְט חָשׁוּב אִין אִירֶע אוֹיגְן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן וֵוייךְ אוּן שֵׁיין, וֶועט זִי הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ דִיר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט נָאךְ צוּ לוֹיפְן דַיין וַוייבּ צִי סַאךְ; אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ, מֶען מוּטְשֶׁעט אִיר וְכוּ׳ - דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִי אָן זִיךְ צוּ גְרוֹיסְן אוֹיפְ׳ן מַאן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁטְרָאפְט חַוָה (בְּרֵאשִׁית ג, טז): ״וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ, וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ״, דוּ וֶועסְט גְלִיסְטְן נָאךְ דַיין מַאן אוּן דַיין מַאן וֶועט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דִיר וְכוּ׳, זָאגְט מוֹהֲרָא״ש דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּנְדְן, אוֹיבּ עֶס אִיז ״וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ״, דִי פְּרוֹי לוֹיפְט נָאךְ דֶעם מַאן, דֶעמָאלְט אִיז ״וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ״, אִיז דֶער מַאן דֶער וָואס גֶעוֶועלְטִיגְט וְכוּ׳ אוּן דִי פְּרוֹי קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף אִים זִי שֶׁעצְט אִים, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז פַּארְקֶערְט, דֶער מַאן לוֹיפְט נָאךְ זַיין וַוייבּ, עֶר מוּטְשֶׁעט אִיר וְכוּ׳ - ״וְאֶל אִשָּׁה תְּשֻׁקָתְךָ״, דֶעמָאלְט דְרֵיידְט זִיךְ אוֹיס דֶער פָּסוּק אוֹיפְ׳ן מַאן, עֶס וֶוערְט ״וְהִיא יִמְשָׁל בָּךְ״, זִי הֵייבְּט אָן גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיפְ׳ן מַאן; וִוי מֶער מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ וְכוּ׳ וֶוערְט דֶער מַאן זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעקוּקְט אִין דִי פְּרוֹי׳ס אוֹיגְן.

עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן מֶער בִּפְרָטִיּוּת אִין דֶעם עִנְיָן מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת, אָבֶּער דָאס אִיז דֶער מְצִיאוּת, וִוי מֶער מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ אַלְץ וֵוינִיגֶער חָשׁוּב וֶוערְט מֶען אִין אִירֶע אוֹיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.]

...

## קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין הֲפָצָה מִיטְ׳ן גֶעבְּן גֶעלְט דֶערְפַאר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן און גֵיין הֲפָצָה, עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט אוֹיס פַאר מִיר פַאר אַסַאךְ סִיבּוֹת, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב אִיךְ קֶען יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם וָואס אִיךְ גֶעב יֶעדְן חוֹדֶשׁ אַ סְכוּם גֶעלְט פַאר הֲפָצָה? און אוֹיךְ אוֹיב דָאס אִיז אַ לְכַתְּחִלָּה אָדֶער נָאר בְּדִיעֶבֶד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער (און דָאס אִיז פַאר אוּנְז אַזוֹי ווִי אַ צַוָואָה פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה): "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט און טְרֵייף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹיפִיל ווִי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פָּסוּל; נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג", און רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַז אַייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעַיְנוֹתֶיךָ חוּצָה', אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' און מִיט 'טִירְחָא'"; (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסּוֹפֵר).

אַז דוּ גֶעבְּסְט גֶעלְט פַארְ׳ן דְרוּקְן דִי סְפָרִים הָאסְטוּ דִי זֶעלְבֶּע חֵלֶק אִין הֲפָצָה ווִי דִי וָואס גֵייעֶן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט צוּ הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִיז מְקָרֵב דִי גְּאוּלָּה, עֶס בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער און נֶענְטֶער מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען. וַוייל דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים בְּרֶענְגֶען צוּרִיק אִידִישֶׁע

קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט (הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה פֶּרֶק ז, הֲלָכָה ה): "הִבְטִיחָה תּוֹרָה שֶׁסּוֹף יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה בְּסוֹף גָּלוּתָן, וּמִיַּד הֵן נִגְאָלִין", דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט, וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ אוֹיסְלֵייזְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט.

...

## וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וִוי אַזוֹי בַּאוַוייזְט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם (שָׁם): דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ פָאלְגְן וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; וַוייל דִי סְפָרִים הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ אוֹיפְצוּוועֶקְן אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַ וִוִיכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס

לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז נִישְׁט וֶוערְד, ווִי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", אָבֶּער דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּער גֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס זֶענֶען נָאר פַארְהַאן.

דֶערְפַאר אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ ווִילְסְט זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין ווִילְן, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מֶען פְּרוּבִּירְט דִיר אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דוּ זֵיי שְׁטַארְק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דַיין גוּטֶע ווִילְן, ווַייל מֶען גֵייט דִיר פְּרוּבִּירְן אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, מֶען גֵייט דִיר פְּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ כַאפְּן צוּ דִי אַלְטֶע וֶועג.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס – אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְלָן", דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין אָט אָט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיין אִין דִי טִיר פוּן קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ ווֵייסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז נָאר אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן אוּן אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן – גֶעבְּט עֶר אוֹיף אוּן לָאזְט אַלֶעס אָפּ.

הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן פוּן דֶעם; אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְקַבֵּל – קֶען עֶר נָאךְ פוּן דֶעם אַרָאפְּפַאלְן, אַנְדֶערְשׁ אִיז הִתְבּוֹדְדוּת וָואס דָאס בְּלַייבְּט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע צַייטְן; אִיז מֶען אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ – רֶעדְט מֶען דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, מֶען אִיז אִין נִישְׁט אַ גוּטֶע פְּלַאץ – רֶעדְט מֶען דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ (תְּהִלִּים, קלט): "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם", אַז אִיךְ פְּלִי אִין הִימְל, אִיךְ בִּין אִין אַ מַצָּב אַזוֹי ווִי אַ מַלְאָךְ, "שָׁם אָתָּה", אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט, אִיךְ רֶעד צוּ אִים פוּן דָארְט, "וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל", אוּן אוֹיבּ אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי טִיפֶע גֵיהִנוֹם, אִיךְ לִיג אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן – "הִנֶּךָּ", אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווַייטֶער מִיט מִיר, אִיךְ רֶעד צוּ אִים פוּן דָארְט; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע צַייטְן אוּן אִין אַלֶע זַיינֶע מַצָּבִים, אַזוֹי ווִי אַ מַאמֶע

וָואס גֵייט מִיט מִיט איר קִינְד, אֲפִילוּ דִי קִינְד פַארְשְׁמִירְט זִיךְ בְּלַייבְּט דִי מַאמֶע גֶעטְרֵיי פַארְ'ן קִינְד, אַזוֹי אִיז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן עח).

הַיינְט אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אַמָאלִיגֶע צַייטְן וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט מֶען גֶעדַארְפְט טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵּף זַיין וְכוּ' וְכוּ' - בִּיז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְן אַבִּיסְל פוּן דִי וֶועלְט אוּן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַיינְט הָאבְּן מִיר דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז בַּאקֶוועם צוּ רֶעדְן, כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֵר; אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן מַחֲשָׁבוֹת אִין וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען דַארְף מֶען טוֹישְׁן צוּ דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מִנְהָגִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן אַסַאךְ דִי בְּרִיוו פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אוּן פוּן "אֲשֶׁר בַּנַחַל", אוּן אִיךְ זֶע אַסַאךְ אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַלֶעס וָואס עֶר הֵייסְט, אוּן דֶערְפַאר וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּידּוֹת אַז אָנְטוּן אַ גַארְטְל הֶעלְפְט קֶעגְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וויל אִיךְ וִויסְן אוֹיב אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן גֵיין מִיט אַ גַארְטְל, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְווִישֶׁע מִשְׁפָּחָה אוּן בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט אָנְצוּטוּן אַ גַארְטְל.

בִּכְלַל דַארְף אִיךְ אַ קְלָארְקֵייט אִין דֶעם עִנְיָן, בַּיי וֶועלְכֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאכְגֵיין דִי מִנְהָג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן בַּיי וֶועלְכֶע זַאכְן דַארְף מֶען יָא טוֹישְׁן אוּן טוּן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ גֵייסְט מִיט אַ גַארְטְל; דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הִרְהוּרִים, סִימָן נט): **״אַבְנֵט תִּקּוּן עַל הִרְהוּרִים״, גֵיין מִיט אַ גַארְטְל אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (זְבָחִים פח:)**: ״אַבְנֵט מְכַפֵּר עַל הִרְהוּר הַלֵּב, הֵיכָא דְּאִיתֵיהּ״, דֶער גַארְטְל פוּנֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט מְכַפֵּר גֶעוֶוען אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט** (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת עָרְלָה הֲלָכָה ג׳, אוֹת ב)**: ״כִּי הַתְּפִלָּה נִקְרֵאת חֲגוֹרָה״, תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן גַארְטְל, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט** (יְשַׁעְיָה יא, ה)**: ״וְהָיָה צֶדֶק אֵזוֹר מָתְנָיו וְהָאֱמוּנָה אֵזוֹר חֲלָצָיו״, מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֱמוּנָה אַזוֹי וִוי אַ גַארְטְל, אוּן אֱמוּנָה אִיז תְּפִלָּה, אוּן בֵּיידֶע - סַיי אֱמוּנָה אוּן סַיי תְּפִלָּה קֶען מֶען הָאבְּן נָאר אַז מֶען אִיז מְתַקֵּן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, עַיֵּין שָׁם.**

**דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן; וֶוען מֶען אִיז מוֹסִיף גוּטֶע מִנְהָגִים הֵייסְט דָאס נִישְׁט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן פְרֵייעֶן זִיךְ וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מִנְהָגִים, בִּפְרָט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען עֶס פַאלְן לֵיידֶער אַוֶועק פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אִינְגֶעלַייט אוּן ווַייבְּלֶעךְ לָאזְן אָפּ דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה - דָאס טוּט ווֵיי, דָאס הֵייסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי מְסוֹרָה, אָבֶּער אָנְטוּן חֲסִידִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים בְּרֶענְגְט נָאר נַחַת פַאר עֶלְטֶערְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶוען דִי פָּרָשִׁיּוֹת זֶענֶען נִישְׁט מְסוּדָּר גֶעהֶעְרִיג?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁטֵייעֶנְדִיג יֶעצְט צְווִישְׁן יוֹם כִּיפּוּר אוּן סוּכּוֹת, וֶוען דִי פַּרְשִׁיּוֹת הַשָּׁבוּעַ וֶוענֶען נִישְׁט מְסוּדָר גֶעהֶערִיג, וְוִיל אִיךְ וִויסְן וֶוען אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אִין דִי וָואכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל שְׁרַייבְּט מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג - עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס טוּ אִיךְ? הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ פָארִיגֶע וָואךְ? הָאבּ אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ?' אַז מֶען הֵייבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה יֶעדְן טָאג.

טוּ אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם גְרַ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף יָאר אִיז מֶען מוֹרָא'דִיג בְּשִׂמְחָה אַז מֶען הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה.

פוּן וֶוען מֶען לֵיינְט שַׁבָּת בַּיי מִנְחָה דִי קוּמֶענְדִיגֶע סֶדְרָה, קֶען מֶען שׁוֹין זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי פַּרְשָׁה; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה לֵיינְט מֶען שַׁבָּת בַּיי מִנְחָה פַאר יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, קֶען מֶען שׁוֹין גְלַייךְ זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן חוֹבוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ גְרוּשׁ, זִיבְּן אוּן דְרַייסִיג יָאר אַלְט, אָן קִינְדֶער, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם. אִיךְ הָאב שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶועןִ אוֹיסְצוּזָאגְן צְוֵויי מָאל גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אוֹיךְ הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן פַּרְנָסָה. אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, אִיךְ פַארְדִין זֵייעֶר שֵׁיין, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין צוּ הָאבְּן אַ גְרִינְגֶערֶע זַאךְ, נִישְׁט צוּ דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער; מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דָאס גֶעלְט רִינְט מִיר אַרוֹיס פוּן צְווִישְׁן דִי פִינְגֶערְס, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט, אִיךְ הָאב צוּפִיל הוֹצָאוֹת אוּן חוֹבוֹת.

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דֶעם וָואס אִיךְ גֵיי פוּן צַייט צוּ צַייט אַבִּיסְל הֲפָצָה מִיט קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען הַדְרָכָה אוּן חִיזוּק אִין מַיין מַצָּב.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה", עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה, "שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא, שֶׁיִּהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד", וָואס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דִי עֲבֵרָה אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. "וַאֲפִילוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר, וְהִתְפַּעֲלוּת, לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד", אוּן אֲפִילוּ דֶער

מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב, וֶועט עֶר אֵייבִּיג בְּלַייבְּן אִין חוֹבוֹת; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט דִי עֲבֵירָה אִיז אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, דֶעמָאלְט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין חוֹבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶערִיבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן; אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה דֶעמָאלְט קֶען מֶען מְתַקֵּן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אָן אַ וַוייבּ אִיז זַייעֶר בִּיטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים הֲלָכָה א, אוֹת א): "מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי הוּא פָּגוּם בִּבְרִית", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז פָּגוּם בִּבְרִית, דֶערְפַאר הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעדַארְפְט זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, ווייל עֶר אִיז עוֹסֵק אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם הַכִּפּוּרִים צוּ פַארֶענְטְפֶערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס קֶען זַיין נָאר מִיט אַ וַוייבּ.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ שִׁידוּכִים, אַלֶע קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֶועלְט זִיךְ, מֶען זָאגְט אָפּ שִׁידוּכִים, מֶען וִויל נִישְׁט זַיין אַ מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ, מֶען הַאלְט זִיךְ מֶער וִוי מֶען אִיז; אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, מֶען דַארְף אִיבֶּערְלָאזְן קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִּירְט אִין אַלֶע מְנְיָנִים אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אַז מֶען זָאל זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶונֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ מִנְיָן. תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶע סְגוּלוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כט): תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת; זָאג יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועסְטוּ מְתַקֵּן זַיין דֶעם חֵטְא אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט הָאבְּן הַצְלָחָה; דָאס זֶעט מֶען בְּחוּשׁ, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ אִין זֵייעֶרֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן - דִי אַלֶע זֶענֶען מַצְלִיחַ. שִׂמְחָה גֶעבְּט אַ בְּרֵייטְקֵייט, שִׂמְחָה עֶפְנְט אוֹיף דִי מֹחַ אוּן מֶען גֵייט אַרוּם מִיט אַ גַּדְלוּת

הַמּוֹחִין, מֶען טוּט נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען וֵוייסְט וואוּ צוּ לֵייגְן דִי גֶעלְט וְכוּ'.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, בִּפְרַט דוּ וָואס דוּ בִּיסְט אַלֵיין, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וַוייבּ - וֶועט דִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט הָאט מֶען הַצְלָחָה, אָבֶער וֶוען מֶען אִיז אַלֵיין, מֶען אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט - דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן; דָאךְ זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת יָא צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן בְּקָרוֹב אַ מַזָל טוֹב.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ גַבְּאַי אִין רֶבִּינְ'ס שׁוּל; שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ בִּיסְט מְשַׁמֵשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיינְס, וָואלְסְטוּ דָאךְ דָאס גֶעטוּן מִיט שִׂמְחָה אוּן זְרִיזוּת; אַז דוּ בִּיסְט אַ גַבְּאַי אִין רֶבִּינְ'ס שׁוּל בִּיסְטוּ מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי'ן אַלֵיינְס.

בְּנוֹגֵעַ דִי גֶעלְט פוּן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ; אִיךְ וֶועל שִׁיקְן אַ שְׁלִיחַ צוּ נֶעמֶען דָאס גֶעלְט.

בְּנוֹגֵעַ אַרוֹיסְדִינְגֶען דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וְכוּ'; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אַייךְ, אוֹיב דָאס שְׁטֶערְט נִישְׁט אוּן עֶס אִיז אַייךְ נִישְׁט שְׁוֶוער - קֶענְט אִיר דָאס טוּן, אוֹיף דֶעם דַארְפְט אִיר מַחְלִיט זַיין.

בְּנוֹגֵעַ וַוארְטְן אוֹיף זְמַן רַבֵּינוּ תַּם; אַז אִיר פַארְרוּפְט זִיךְ 'תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' דַארְפְט אִיר הַאלְטְן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ, מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שַׁארְף. אִיר דַארְפְט נִישְׁט וַוארְטְן מִיט מַעֲרִיב אוֹיף זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, אִיר קֶענְט שׁוֹין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב פַארְ'ן זְמַן, אָבֶּער הַבְדָלָה אוּן אַ מְלָאכָה טָאר מֶען נִישְׁט טוּן פַארְ'ן זְמַן.

אַנְדֶערֶע פַאסְט טֶעג קֶענְט אִיר אוֹיסְפַאסְטְן פְרִיעֶר, וַוייל בַּיי אַ דְרַבָּנָן קֶען מֶען מֵקִיל זַיין אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת. אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם כִּיפּוּר אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּשָׁרוֹת דֶערְבַּיי.

בְּנוֹגֵעַ דִי בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת; אִיר זָאלְט נֶעמֶען דִי וָואס דַאוֶוענֶען שֵׁיין, הַארְצִיג אוּן נִישְׁט אַיילֶעדִיג.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### ווִיפִיל אַ פְּרוֹי דַארְף דַאוֶוענֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן דַאוֶוענֶען דִי תְּפִילּוֹת הַקְּבוּעוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב; פְרוֹיעֶן פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן דִי בְּרָכוֹת אִינְדֶערְפְרִי אוּן בֶּעטְן אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת, מִיט דֶעם זֶענֶען זֵיי מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן דַאוֶוענֶען.

אַ פְרוֹי וָואס הָאט צַייט, זִי הָאט שׁוֹין קַיין נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּב אוּן זִי ווִיל דַאוֶוענֶען דִי תְּפִילּוֹת הַקְּבוּעוֹת - זָאל זִי דַאוֶוענֶען, ווַייל דִי תְּפִילּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט וְכוּ׳; דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, זִי דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן יֶעדֶעס מָאל זִי קֶען אַרַיין כַאפְּן נָאךְ אַ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער נִישְׁט זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן וֶוען מֶען פַארְפַּאסְט.

שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה.

...

### צֶעטֵיילְן דִי הַפְסָקוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען צוּ אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען אוּן וֶוען צוּ עֶנְדִיגְן - דָאס הָאט מִיט אַייךְ; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מִתְפַּלְלִים.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ לַאנְגֶע הַפְסָקָה אִין אֵיין צוּ; צֶעשְׁנַייד דֶעם טָאג אוֹיף אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַהֵיים גֵיין זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן וְכוּ׳. אַנְשְׁטָאט מַאכְן אֵיין לַאנְגֶע הַפְסָקָה בֶּעפָאר תְּפִילַּת מוּסָף, צֶעטֵייל דִי הַפְסָקָה, אֵיין שְׁטִיקְל פַאר מוּסָף אוּן אֵיין שְׁטִיקְל פַאר מִנְחָה וְכוּ׳.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר אַלֶע חֲבֵרִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין נֶערְוֶועזְן אִין שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב' - תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר הַאלְטְן עֶרֶב שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁבַּת פוּנֶעם נַייעֶם יָאר תשפ"א; וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן נִישְׁט צוּ זַיין נֶערְוֶועז. זַיי מְקַבֵּל דֶעם שַׁבַּת מִיט שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לְהִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר אַ בְּחִינָה פוּן (כְּתוּבּוֹת קג:): "מֵת בְּעֶרֶב שַׁבָּת סִימָן יָפֶה לוֹ"; וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט (הוּבָא בְּבַעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה בְּרֵאשִׁית, אוֹת עט): מֵת בְּעֶרֶב שַׁבָּת - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר קוּמְט צוּ דִי מַדְרֵיגָה אַז עֶר אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מְקַבֵּל שַׁבָּת אוֹיף דֶעם אוֹפָן, סִימָן יָפֶה לוֹ - אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵגָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין נֶערְוֶועזְן אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט גְרֵייט אָדֶער יֶענְץ אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט וְכוּ' וְכוּ'; דוּ זָאלְסְט נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ", רֶבִּי נָתָן אִיז פוּן דֶעם גֶעוָוארְן צֶעבְּרָאכְן, וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דָאס דַארְף דִיר אוֹיךְ נִישְׁט אָנְגֵיין, אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ", דֶער רֶבִּי הָאט גְלַייךְ גֶעכַאפְּט וָואס רֶבִּי נָתָן טְרַאכְט אוּן אִים גְלַייךְ גֶעזָאגְט אוּן בַּארוּאִיגְט אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט - נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן נַאכְט גֶעוֶוען אִין מָאנְסִי בַּיי דִי לְחַיִּים פוּן הַבָּחוּר הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן צַייט צוּ גֵיין טָאג אוּן נַאכְט צוּ שִׂמְחוֹת, אָבֶער

פַאר בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק צוּ בּוֹיעֶן דִי מוֹסָד - צוּ זֵיי גֵיי אִיךְ אָן כֹּחַ און אָן צַייט.

יוֹם הַקָּדוֹשׁ וֶועל אִיךְ זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, עֶס וֶועט זַיין אַ מִנְיָן אִין שׁוּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג און אִין בָּארָא פַּארְק, אוֹיךְ אִין קִרְיַת יוֹאֵל וֶועלְן אַלֶע שׁוּלְן אָנְגֵיין ווִי גֶעהֶערִיג. יוֹם טוֹב סוּכּוֹת סַיי דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג און סַיי דִי צְוֵוייטֶע טֶעג וֶועל אִיךְ זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', גֶעבּ אִיר דָאס אִיבֶּער נָאךְ פַאר שַׁבָּת, עֶס אִיז ווִיכְטִיג זִי זָאל עֶס לֵיינֶען פַאר לִיכְט צִינְדְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן דִי תְּפִילּוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן בַּיי לִיכְט צִינְדְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב' - תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

דִי שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שַׁבָּת, עֶס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁבָּת פוּנֶעם נֵייעֶם יָאר; דֶעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען 'שַׁבַּת תְּשׁוּבָה' וַוייל אַלֶע טוּעֶן יֶעצְט תְּשׁוּבָה, מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי אַלְטֶע וֶועג און מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם שַׁבָּת מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פְרֵיילִיכְקֵייט; עֶס זָאל אַייךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין. לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דִי נִישְׁט גוּטֶע אִין שְׁטוּבּ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דִי נִישְׁט גוּטֶע קוּמֶען דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ; לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דֶעם שָׂטָן אִין שְׁטוּבּ, זַייט מְוַתֵּר, זַייט מוֹחֵל, זַייט וֵוייעֶךְ - בִּפְרָט צוּ אַייעֶר מַאן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, עֶס וֶועט זַיין אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט פוּנֶעם נֵייעֶם יָאר זָאלְט אִיר בֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת און פַאר אַלֶע אִידְן. פְרוֹיעֶן וֵוייסְן נִישְׁט און

טְרַאכְטְן נִישְׁט וָואס פַּאר אַ כֹּחַ זֵיי הָאבְּן; וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי לִיכְט צִינְדְן זִיךְ אָן אַלֶע הִימְלֶען אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן דִי תְּפִילּוֹת זֵייעֶרֶע.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן אוּן אִיר זָאלְט צוּלֵייגְן צוּ דֶעם תְּפִלָּה אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז דִי נֵייעֶ יָאר זָאל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע יָאר, אַ גְלִיקְלִיכֶע יָאר; אַ יָאר פוּן שִׂמְחָה, אַ יָאר פוּן יְשׁוּעוֹת, אַ יָאר וָואס מִיר וֶועלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן בִּכְלָלִיּוֹת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם אִין אוּנְזֶער שְׁטוּבּ, הֶעלְף אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מִיר זָאלְן אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן"; אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוּן צוּלֵייגְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי שְׁכֵנִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט דִי שְׁכֵנִים. אוּנְזֶער וֶועג אִיז נָאר שָׁלוֹם; רֶעדְט צוּ זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט אַז זֵיי זָאלְן מַסְכִּים זַיין אִיר זָאלְט קֶענֶען הָאבְּן דָארְט דִי סוּכָּה, עֶס אִיז זִיכֶער דָא אַ וֶועג מִיט שָׁלוֹם.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אוֹיבּ מֶען קֶען שׁוֹין קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וִויל מְסַדֵּר זַיין גַבָּאִים בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן גֵיין לֵיידִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זֶע אַז דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג; אַז דוּ דַארְפְסְט זֵיי הָאבְּן זֵיי זָאלְן דִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי הַדְפָּסָה וְכַדּוֹמֶה - קֶענֶען זֵיי דָארְט זַיין, אָבֶער אַז דוּ דַארְפְסְט זֵיי נִישְׁט הָאבְּן, ווִיל אִיךְ זֵיי זָאלְן שׁוֹין אַהֵיים קוּמֶען, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זֵיי זָאלְן גֵיין לֵיידִיג.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): ״הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם, וְלִידֵי זִמָּה״, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן גֵיין לֵיידִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָארְג נִישְׁט אִיבֶּער דֶעם וָואס הָאט פַּאסִירְט צוּ דִיר יוֹם כִּיפּוּר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זֵיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אִיבֶּער וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר דֶעם יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אַ מִקְרֶה בִּלְתִּי טָהוֹר. זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, וַוייל דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פח.): ״הָרוֹאֶה קֶרִי בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים״, דֶער וָואס וֶוערְט טָמֵא בְּטֻמְאַת קֶרִי אוּם יוֹם כִּיפּוּר, ״יִדְאַג כָּל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ״, זָאל אַ גַאנְץ יָאר זִיךְ זָארְגְן אֶפְשָׁר גֵייט עֶר שְׁטַארְבְּן - דָאס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ בַּיי דִיר, אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי אַחֲרוֹנִים.

אַז דוּ ווִילְסְט פַארֶעכְטְן, דוּ ווִילְסְט תְּשׁוּבָה טוּן - זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען מֶער עוֹסֵק זַיין אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקּוּן פַאר הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): ״תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, וֶוער עֶס ווִיל פַארֶעכְטְן חַטְאוֹת נְעוּרִים, זָאל מִשְׁתַּדֵּל זַיין צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק

מֶענְטְשְׁן צוּם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

דַאֲגָה נִישְׁט, דַאֲגָה נִישְׁט פוּן שְׁטַארְבְּן; עֶס אִיז קְלָאר אִין דִי פּוֹסְקִים אַז דָאס קוּמְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן פוּן עֶסְן וְכוּ׳, אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ דִי זַאךְ.

...

## אִיךְ הָאבּ מֶער הֲנָאָה וֶוען דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ בִּין דִיר דַאנְקְבַּאר אַז דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר מִיט אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז אִיךְ וֶועל מֶער הַנָאָה הָאבְּן צוּ זֶען אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

מַיין גַאנְצֶע הֲנָאָה אִיז צוּ הֶערְן פוּן דִי תַּלְמִידִים אַז זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא אוּן הֲלָכָה.

אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג אַז דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטֶעטְל הֶעלְפְּן נָאר אַז אִיךְ וֶועל הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט, אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ שׁוֹין צוּרִיק קוּמֶען.

...

## וֶוען מ׳אַנֶערְקֶענְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט הֶעלְפְּן, דֶעמָאלְט קוּמְט דִי יְשׁוּעָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דַיין צַעַר עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר, אַז דַיין וַוייבּ אִיז צוּרִיק גֶעפַאלְן; אִיר גֶעזוּנְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, וִוי קֶען אִיךְ דִיר טְרֵייסְטְן? אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אַנֶערְקֶענְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְּן, דַוְקָא דֶעמָאלְט קוּמְט דַיין יְשׁוּעָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סוֹף סִימָן יט; פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן רסז), וֶוען עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן אִין טְבֶרְיָ' פוּן דִי אַרַאבֶּער, עֶר אִיז גֶעלָאפְן אוּן זִיךְ גֶעהָאנְגֶען אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר אוּן גֶעזֶען דֶעם וַואסֶער אוּנְטֶער זִיךְ, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַזוֹי גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אִיז נִישְׁט פַארְהַאן, דַיְקָא דֶעמָאלְט אִיז גֶעקוּמֶען זַיין יְשׁוּעָה.

יֶעצְט וֶוען דוּ זֶעסְט זִיךְ אִינֶעם פְּרָאבְּלֶעם, קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, דַיְקָא יֶעצְט, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס וֶועט אִיר הֵיילְן.

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

## אַז מֶען הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מַזָל טוֹב טֵייעֶרֶער חָתָן! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אָמֵן.

זֶעסְט, אַז מֶען הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט; הָאסְט אַלֶע דַיינֶע יָארְן גֶעהָאלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר וּבִפְרַט דִי סְקוּל מִיט אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אוּן דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה, שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. יֶעצְט הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ כַּלָּה נָאֶה וַחֲסִידָה, אַ טֵייעֶרֶע חָשׁוּבְ'ֶע כַּלָה, אַ תַּלְמִידָה פוּן "בֵּית פֵיגָא", אַ כַּלָה וָואס וִויל בּוֹיעֶן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע "בְּרֶסְלֶבְ'עֶ" שְׁטוּבּ.

דָאס אִיז נָאר אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶענְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דִיר יֶעצְט גֶעגֶעבְּן, אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת - וֶועסְטוּ זֶען נָאךְ שֶׁענֶערֶע זַאכְן אִין דַיין לֶעבְּן.

...

**זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם "בַּר מִצְוָה"**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זָאג דַיין טַאטֶע אוּן דַיין בְּרוּדֶער - דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר, זַיי זָאלְן מִיר מוֹחֵל זַיין אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם "בַּר מִצְוָה".

אִיר הָאט דָאךְ מִיטְגֶעהַאלְטְן יוֹם הַקָדוֹשׁ אִין שְׁטֶעטְל דִי תְּפִילוֹת; אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דַאוְונֶען אַלֶע תְּפִילוֹת פַארְ'ן עָמוּד. כָּל נִדְרֵי, שַׁחְרִית, מוּסָף, נְעִילָה אוּן נָאכְדֶעם דִי רִקוּדִין אוּן וְעַל כּוּלָם הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעמַאכְט אַ שִׁידוּךְ שְׁפֶּעט אוֹיף דֶער נַאכְט. אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פִיר אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס אוּן הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְן אַפָּאר שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה; עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּרִיק אַרוֹיס צוּ פָארְן אִין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ וֶועל דָאס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַשְׁלִים זַיין, אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ דֶעם בַּר מִצְוָה בָּחוּרְ'ס חֲתוּנָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה, פַאר דַיין כַּלָה; דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ כַּלָה, אַ צְנוּעָה, אַן אֵיידֶעלֶע אוּן אַ עֶרְלִיכֶע; דַארְפְסְטוּ נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער.

...

**נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי 'בֵּין הַזְּמַנִּים'**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט אַרוֹיסְכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג; אֲפִילוּ יֶעצְט אוּם חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין כּוֹלֵל דַארְף מֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ ווִי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט חוֹזֵק מַאכְן פוּן "בֵּין הַזְּמַנִּים";

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: ״נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי ׳בֵּין הַזְּמַנִּים׳, אֵיינְמָאל אִיז דָא ׳בֵּין הַזְּמַנִּים׳, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט, צְוִוישְׁן דִי מִיתָה אוּן דָאס בַּאגְרָאבְן - דֶעמָאלְט אִיז ׳בֵּין הַזְּמַנִּים׳, דֶעמָאלְט הָאט דֶער נִפְטָר גְרוֹיס צַעַר, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אָבֶּער כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט אִיז נִישְׁטָא ׳בֵּין הַזְּמַנִּים׳״.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן; יֶעצְט הָאסְטוּ דַיינֶע שֶׁענְסְטֶע יָארְן. הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט שׁוֹין אַ לִיכְטִיג קִינְד, הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל; זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אִיךְ אוּן מַאמִי הָאבְּן אַזוֹיפִיל נַחַת יֶעדֶעס מָאל מִיר הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן אַז דוּ לֶערְנְסְט אוּן דַאוֶוענְסְט, דָאס גֶעבְּט אוּנְז כֹּחַ אוֹיף וַוייטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן דַאוֶוענֶען פְּסוּקֵי דְזִמְרָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין.

...

**מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, זַיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיט דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט, שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ דַארְף דִיר שְׁרַייבְּן.

דַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר עֶרֶב יוֹם הַכִּפּוּרִים, זִי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז זִי ווִיל אַן עֶרְלִיכֶע רֵיינֶע שְׁטוּבּ; עֶס טוּט אִיר זֵייעֶר וֵוייא אַז דוּ קוּקְסְט מָאוִוי״ס, נֵייעֶס. זִי זָאגְט אַז זִי הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ, עֶס שְׁטֶערְט אִיר אַז דוּ בִּיסְט מַפְקִיר דַיינֶע אוֹיגְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְוַוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאוֹן וְכַדוֹמֶה, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן דִי אַלֶע זַאכְן; גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ קוּקְן, אַלֶעס אִיז דִמְיוֹנוֹת, אַלֶעס אִיז אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ; דוּ וֶועסְט זַיין אַסַאךְ מֶער פְרֵיילִיךְ אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּקְן קַיין שׁוּם זַאךְ, נִישְׁט קַיין סְפָּארְטְ״ס, נִישְׁט קַיין מָאוִוי״ס, נֵייעֶס.

דוּ הָאסְט דָאךְ אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, זִי ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר, זִי ווִיל זַיין מִיט דִיר; אַנְדֶערֶע וָואלְטְן זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַזַא גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר; אִיךְ זָאג דִיר נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ,

אִיךְ ווִיל זֶען אַבִּיסְל נַחַת בַּיי מַיינֶע תַּלְמִידִים.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים, ווִיפִיל דוּ לֶערְנְסְט און וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

...

### מֶעגְסְט בָּארְגְן גֶעלְט פַאר יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע; יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען פְּרוּבִּירְט דִיר אוֹיס פוּן הִימְל, צוּ זֶען ווִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, פַארְלִיר נִישְׁט דַיין אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע, לָאז נִישְׁט אַרַיין אִין דַיין הַארְץ קַיין פִּינְטֶעלֶע קַשְׁיָא אוֹיפְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער; גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אַלֶעס אִיז פַאר דַיין גוּטְס, פַאר דַיין תִּיקוּן וְכוּ׳.

מֶעגְסְט בָּארְגְן גֶעלְט פַאר יוֹם טוֹב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן עֶסְן און קְלֵיידֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בֵּיצָה טו:): ״לְווּ עָלַי״, בָּארְגְט פַאר מִיר, ״וַאֲנִי פּוֹרֵעַ״, אִיךְ וֶועל הֶעלְפְן אִיר וֶועט קֶענֶען בַּאצָאלְן.

וָואס פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן זָאגְן? גֶעדֶענְקְסְט וָואס? רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן בְּשָׁעַת עֶר אִיז אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת: ״עֶס אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים״; זָאג עֶס פַאר דִיר: ״עֶס אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים״.

...

## אַנְשְׁטָאט לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען זָאל מֶען לֵיינֶען חִזּוּק פוּן רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בִּין גֶעוֶועֶן יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִין שְׁטֶעטְל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב. עֶס אִיז גֶעוֶועֶן אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב, אַסַאךְ תַּלְמִידִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, מֶען הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט בַּיי דִי מִשְׁפָּחוֹת. דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען דִי גֶעסְט בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת.

מוֹצָאֵי יוֹם הַקָּדוֹשׁ בִּין אִיךְ גֶעוֶועֶן טָרוּד מִיט אַ שִׁידוּךְ, אַ בָּחוּר - אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, מִיט אַ מֵיידְל - אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא; אִיךְ בִּין הֶערְשְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה פַארְטָאגְס, נָאךְ פִיר אַזֵייגֶער. הַיינְט אַגַאנְצְן טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶועֶן פַארְנוּמֶען מִיט שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוֹיב עֶס אִיז נָאךְ שַׁיָיךְ זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע בְּרִיוְון אוּן דָאס אָפְּדְרוּקְן נָאךְ בֶּעפָאר יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אוֹיב מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל זַיין גְרֵייט בַּיים שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי; אִיךְ ווִיל דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן דָאס אַהֵיים טְרָאגְן אַז דִי וַוייבֶער זָאלְן דָאס לֵיינֶען. אַנְשְׁטָאט לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען וָואס פַארְ׳תַּמְ׳עֶן דֶעם קָאפּ זָאל מֶען לֵיינֶען חִיזּוּק פוּן רֶבִּי׳ן, שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; דָאס אִיז בַּיי מִיר דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, דוּ זָאלְסְט צוּשְׁטֶעלְן לֵיינֶען עֶרְלִיכֶע זַאכְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

צוּבִּיסְלִיךְ הֶער אִיךְ צוּרִיק פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין דִי קְהִילָּה אַז זֵיי נֶעמֶען מֶער נִישְׁט אַרַיין קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג אוּן מַאגַאזִין אִין שְׁטוּב; אַנְשְׁטָאט דִי צֵייטוּנְג לֵיינְט מֶען עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִיט דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן שִׂיחוֹת, אוּן בְּעִיקָּר נֶעמְט מֶען דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים וְכוּ׳.

...

**רֶעד קְלָאר צוּ דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מְנֻוָּלִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט קִינְדֶער, דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חָשׁוּבְ׳עֶרֶע זַאךְ וִוי אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט בְּנֶאֱמָנוּת מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל דִיר דֶערְמַאנֶען דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן ״קְדוּשַּׁת הַבְּרִית״; הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, רַאטֶעוֶוע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת. אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף זֵייעֶר עָתִיד; אַ שָׁאד צוּ בּוֹיעֶן אַ בִּנְיָן אוֹיבּ מֶען גִיסְט נִישְׁט אַ יְסוֹד, אַזוֹי אִיז אַ שָׁאד פַאר אַלֶע דִיבּוּרִים אוּן אַרְבֶּעט וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי, אוֹיבּ מֶען גְרֵייט זֵיי נִישְׁט אָן זֵייעֶר יְסוֹד.

וֶוען דוּ רֶעדְסְט פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אַ בְּרֶען, מִיט אַ פֵייעֶר; עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶערְ׳ס הֶערְצֶער. רֶעד נִישְׁט מִיט רְמָזִים, רֶעד קְלָאר אִין דֵייטְלִיךְ, זָאג זֵיי מִיט פֵייעֶר: ״מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ״, ״מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ׳ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ״; נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵיי אָנְזָאגְן: ״אוֹיבּ אֵיינֶער צִיט אַרָאפּ דַיין הוֹיזְן אוּן כַאפְּט דִיר אָן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ אוֹיסְזָאגְן פַאר דַיין טַאטֶע מַאמֶע״, זָאג זֵיי: ״אוֹיבּ אַ אִינְגְל רוּפְּט דִיר אִין בֵּית הַכִּסֵא אָדֶער אִין אַ זַייט אוּן עֶפְנְט דִיר אוֹיף דִי הוֹיזְן אוּן אוּנְטֶער-הוֹיזְן זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן ׳חֲזִיר!׳״.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ וָואס אִיךְ זָאג דִיר; הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, אֲפִילוּ אַנְדֶערֶע זָאגְן אַנְדֶערְשׁ. מִיר פָאלְגְן דִי צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, מִיר גֵייעֶן אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, ז): ״צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן״; אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא״שׁ אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְדִים, מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן מְנֻוָּלִים.

פָארִיגֶע וָואךְ דֶערְצֵיילְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ מִקְוֶה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן עֶר זֶעט אִין אַ ווִינְקְל וִוי אַן עֶלְטֶערֶער מְשׁוּגֶע׳נֶער בָּחוּר נֶעמְט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן טוּט מִיט אִים מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבָה. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם מְשַׁמֵּשׁ, אַ חֲסִידִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן - דֶער מִקְוֶה אִיד, אוּן אִים דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען,

עֶר זָאל פַארְטְרַייבְּן דֶעם מְנֻוָּל; אַנְשְׁטָאט דֶער מִקְוֶה אִיד זָאל טוּן צוּ דֶער זַאךְ, הֵייבְּט עֶר אָן מִיט זַיינֶע תּוֹרוֹת, אַהֶער מִיט אַהִין, דֶער אִינְגֶעגֶרְמַאן הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶס וֶוערְט אִים שְׁלֶעכְט, הָאט עֶר אַלֵיינְס מְקַיֵּים גֶעוֶוען (דְּבָרִים כא, כא): "וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ", עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ וַיִּצְעֲקוּ אוֹיף דֶעם מְנֻוָּל; אַלֶע זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעלָאפְן קוּקְן וָואס עֶס גֵייט פָּאר, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, פְּלָאִי פְּלָאִים, אַלֶע הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט: "וָואס דַארְפְסְטוּ שְׁרֵייעֶן? זָאג אִים שְׁטִילֶערְהֵייט!"

דֶער אִינְגֶעגֶרְמַאן קוּמְט מִיר פְרֶעגְן וָואס אִיךְ זָאג, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן, נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, אֵיין זַאךְ קֶענֶען מִיר טוּן, רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער; אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דִי מְנֻוָּלִים.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן אוּנְטֶער דִי נָאז וֶועסְטוּ עֶרְגֶער מַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער: "אוֹיבּ אֵיינֶער רִירְט דִיר אָן, זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן", וַוייל דִי קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם, זֵיי וֶועלְן שְׁרֵייעֶן יֶעדֶעס מָאל אֵיינֶער וֶועט זֵיי גֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם וְכוּ'; אַז מֶען רֶעדְט אוּנְטֶער דִי נָאז אִיז דָאס גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶס מַאכְט עֶרְגֶער, דִי קִינְדֶער וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן זַאכְן וָואס דַארְף נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן. רֶעד צוּ זֵיי מִיט גַּדְלוּת, רֶעד צוּ זֵיי קְלָאר, שְׁטַאמְל נִישְׁט, זָאג זֵיי: "מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אוּן קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן קַיין שׁוּם פְּלַאץ אוּנְטֶער דַיינֶע אוּנְטֶער-וֶועשׁ".

דֶער בְּרִיוו אִיז ווִיכְטִיג אַ גַאנְץ יָאר, בִּפְרַט יֶעצְט פַאר יוֹם טוֹב וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַזוֹיפִיל פְרֵייעֶ צַייט; זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען אוּנְטֶער דִי הֶענְט פוּן מְנֻוָּלִים - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים וָואס ווִילְן רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע דוֹרוֹת פוּן שְׁלֶעכְטֶס.

שְׁרַייבּ מִיר כְּסֵדֶר וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דִיר אִין קְלַאס.

...

## הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען אָפְּלָאזְן מַיין טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן דִי כֹּחַ אֲוֶועקְצוּלֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן וְכוּ׳.

דָאס אַלֵיינְס אַז דוּ בֶּעטְסְט חִיזוּק אוֹיף דֶעם פְּרַט - דָאס וַוייזְט אַז דוּ בִּיסְט אַ טֵייעֶרֶע נְשָׁמָה, אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה; עֶס פַארְשְׁטָאפְּט דָאס מוֹיל פוּן אַלֶע מְקַטְרְגִים וָואס שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער שְׁלֶעכְטְס, דָאס וַוייזְט אַז אַלֶע ווִילְן זַיין גוּט, עֶס אִיז נָאר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען פוּן וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין טֵייעֶרֶע מַאן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן.

הֶעלְף מִיר טַאטֶע זִיסֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען אָפְּלָאזְן מַיין טֶעלֶעפָאוֹן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ לֶעבְּן מִיט דֶעם, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן דֶעם, אִיךְ ווִיל זַיין אַ וואוֹילֶע וַוייבּ אוּן אַ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מַאמֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אָבֶּער דֶער טֶעלֶעפָאוֹן אִיז אַזוֹי גְלַאנְצִיג אוּן צִיעֶנְדִיג, עֶס שְׁלֶעפְּט מִיר אֲוֶועק פוּנֶעם לֶעבְּן, אִיךְ זִיץ אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן זֵייעֶר אַסַאךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דוּ זֶעסְט מַיין הַארְץ, דוּ וֵוייסְט אַז אִיךְ ווִיל זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ, אַ גוּטֶע מַאמֶע; דוּ וֵוייסְט אַז אִיךְ ווִיל זַיין וואוֹיל, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ אוּמְמֶעגְלִיךְ דָאס אֲוֶועקְצוּלֵייגְן, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

פַאר דוּ זָאגְסְט דִי תְּפִלָּה לֵייג אַ פְּרוּטָה אִין דִי צְדָקָה פּוּשְׁקֶע.

וֶועסְט זֶען דִי נִסִּים וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן; תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן נַאטוּר.

...

## אַ רֵיינֶע שְׁלָאף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי מִיר מוֹחֵל פַארְ׳ן עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי שְׁפֶּעט, עֶס אִיז מִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ בִּיז יֶעצְט.

בֶּעפָאר דוּ לֵייגְסְט זִיךְ שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ אָנְגְרֵייטְן ״נֶעגְל וַואסֶער״, נָאכְדֶעם לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): ״כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ״, וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, - ״מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ״, גֵייעֶן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַזִּיקִין אוּן קְלִיפּוֹת אַוֶועק פוּן אִים.

נָאכְדֶעם, אַז דוּ קֶענְסְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִּיקִים; דַוְקָא פוּן צַדִּיקִים, נִישְׁט סְתָּם טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע, קַאמִיקְס, וָואס מַאכְט נָאר מֶער דִמְיוֹנוֹת אוּן מֶער בִּלְבּוּלִים, אָדֶער נֶעם דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אָדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן עֵצוֹת פַאר אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאקְלָאגְט פַאר אִים אַז עֶר טְרַאכְט פוּן פְרוֹיעֶן אוּן עֶר חָלוֹמְ׳ט פוּן מֵיידְלֶעךְ, דִי אַלֶע עֵצוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען הָאבְּן נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דֶער אִיד הָאט זִיךְ וַוייטֶער כְּסֵדֶר בַּאקְלָאגְט, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן״, עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אוּן אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל דָאס לֶערְנֶען פַארְ׳ן גֵיין שְׁלָאפְן, וְכַךְ הֲוָה, דָאס הָאט יֶענֶעם גֶעהָאלְפְן.

דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב; זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע, אִיךְ הָאף אוּן בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט זֵיי בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

### עֶס טוּט זִיךְ שִׂמְחוֹת, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אוֹיךְ אַ חָתָן וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ הֶערְסְט יֶעדְן טָאג נָאךְ אַ מַזָּל טוֹב, נָאךְ אַ שִׁידוּךְ, נָאךְ אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן; פַּארְקֶערְט, דָאס דַארְף דִיר מְחַזֵּק זַיין אַז עֶס טוּט זִיךְ שִׂמְחוֹת אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אוֹיךְ אַ חָתָן וֶוערְן. אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ הָאסְט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט וֶוען דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אַז דַיין חַבֵר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דָאס בִּיסְל כֹּחַ וָואס דוּ הָאסְט, גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): "אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי", פֶערְצִיג טֶעג אֵיידֶער מֶען וֶוערְט בַּאשַׁאפְן רוּפְט מֶען אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל: "בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי", דִי מֵיידְל וֶועט זַיין דִי כַּלָּה פַאר דֶעם בָּחוּר.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ וֶוערְסְט פַארְבְּרֶענְט, דֶער יֵצֶר הָרָע פְלַאקֶערְט אוּן בְּרֶענְט אִין דִיר, עֶר וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן גֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ.

...

### נֶעם זִיךְ חַבֵר׳טֶעס וָואס רֶעדְן פַּאזֶעטִיוו

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ בֶּעסֶער, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר, ... - זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ.

בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין

מִשְׁפָּחָה; אִיר זֶענְט זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיי מִיר, דַיין מַאן אִיז מִיר זֵייעֶר טֵייעֶר, אִיךְ בֶּעט כְּסֵדֶר פַאר אַייךְ.

**אֱמוּנָה הֵיילְט אוֹיס; נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִיר, חַזֶר זִיךְ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס און אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֵיילוּנְג.**

נֶעם זִיךְ חַבֶר'טֶעס וָואס רֶעדְן פַּאזֶעטִיוו, דוּ בִּיסְט נִישְׁט בַּיי דִי כּוֹחוֹת צוּ הֵיילְן אַנְדֶערֶע וָואס קְרֶעכְצְן וְכוּ', רֶעד מִיט פְרֵיילִיכֶע און זִיכֶערֶע.

...

**יֶעדֶער זָאל זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי קְהִלָּה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען יוֹם כִּיפּוּר אִין שְׁטֶעטְל, הָאסְט מִיר אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ שְׁטֵיין פוּן הַארְץ. וַוייל ווי נִישְׁט ווי בִּיסְטוּ מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְץ; בִּיסְט מִיר אַ נָאנְטֶער תַּלְמִיד. הָאסְט גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה, הָאסְט מִיטְגֶעהַאלְטְן אַלֶע צַייטְן - דִי שְׁוֶוערֶע און דִי גוּטֶע, דִי הַפְגָּנוֹת, דִי פָּאלִיצֵיי, דִי גָלוּת לַיידְן - יֶעדֶע זְמַן אִין אַן אַנְדֶערֶע שׁוּל וְכוּ'. און אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעבְּרֶענְגְט דַיין שִׁידוּךְ וְכוּ', וְכוּ', און יֶעצְט וֶוען אִיךְ גֵיי אַ טְרִיט וַוייטֶער, אִיךְ בּוֹי אַ שְׁטֶעטְל אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, פְרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ זֶען אַז דִי תַּלְמִידִים שְׁטֵייעֶן מִיר צוּ דִי הַאנְט. אִיךְ זוּךְ נִישְׁט אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען דָארְט וואוֹינֶען, נָאר פָּשׁוּט אַלֶע זָאלְן זַיין אַ חֵלֶק פוּן יֶעדֶע תְּנוּעָה אִין דִי קְהִילָה.

יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען אוֹיף יוֹם הַקָּדוֹשׁ הָאסְטוּ מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט.

אִיךְ דַאוֶוען פַאר דִיר יֶעדְן טָאג און אִיךְ וַוארְט אוֹיף דַיין הַצְלָחָה.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

## מְ׳קֶען נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן וָואס מְ׳קֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ.**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַלֶע צֶענְדְלִיגֶער מֶעסֶעדְזְשֶׁעס.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אַייעֶר פְרַאגֶע אִיז; אִיז דָא אַ וֶועג צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם קִינְד, דֶעם יָתוֹמְ׳ל - עֶר זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אַייךְ, דֶעמָאלְט וָואס אִיז דִי פְּרַאגֶע? אַוַודַאי זָאלְט אִיר אִים מְגַדֵל זַיין אַזוֹי וִוי זַיין מַאמֶע הָאט אַייךְ גֶעלָאזְט צַוָואָה. אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן, דֶער טַאטֶע ווִיל נִישְׁט וְכוּ׳ - וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ טוּן? אִיר קֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט צוּם הִימְל אוּן זָאגְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן וָואס מִיר קֶענֶען, יֶעצְט אַז דֶער טַאטֶע ווִיל נִישְׁט - קֶענֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן״.

נֶעמְט עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן, עֶסְט אַייךְ נִישְׁט אוֹיף; מֶען קֶען טוּן נָאר וִויפִיל מֶען קֶען, מֶער פוּן דֶעם טָאר מֶען נִישְׁט.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר זוּן, אִיךְ הָאבּ אִים שְׁטַארְק מְקַרֵב גֶעוֶוען יוֹם הַקָדוֹשׁ; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעלַיידְנְט אוֹיף שִׂמְחַת תּוֹרָה עֶר זָאל זַיין מַיין גַאסְט, לָאזְט מִיר וִויסְן אוֹיבּ אִיר זֶענְט מַסְכִּים.

...

## אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט אוּנְזֶער קִיבּוּץ אוּם יוֹם הַכִּפּוּרִים; עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שֵׁיינֶער קִיבּוּץ. מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דָאס לִיבְּשַׁאפְט אוּן אֵיינִיגְקֵייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי מוֹהֲרָא״ש אִיז מִיט אוּנְז.

כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט אִיז גֶעוֶוען אַ דְרָשָׁה, אִיךְ הָאבּ אַלֶעמֶען אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן; מִיר וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶוען צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט און נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם צוּטוּן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלִיחוּת צוּ זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה - מְחַזֵּק זַיין אוּן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען בָּחוּרִים, שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרָא"ש צוּגֶעלֵייגְט אוֹיךְ אִינְגֶעלַייט, שְׁפֶּעטֶער פְּרוּיעֶן, חֵדֶר און סְקוּל; קוּמְט אוֹיס אַז אַסַאךְ מָאל וֶוערְן מֶענְטְשְׁן בַּאלֵיידִיגְט, מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אַלֶע זָאלְן מִיר מוֹחֵל זַיין.

מֶען הָאט גֶערֶעדְט נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן, אִיךְ הָאף אַז אֵיינֶער וֶועט דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן, עֶס זָאל זַיין פַּאר אַלֶעמֶען חִיזּוּק.

...

## זִיךְ אַוֶועקְרַייסְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט און לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר ווִיל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַוֶועקְרַייסְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט פוּן אַלֶעס און לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דוּ מוּזְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, דוּ מוּזְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג 'אֵיין' פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת און וְעַל כּוּלָם אַ בְּלַאט גְמָרָא.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען מִיט אוּנְז יוֹם טוֹב.

אַ זִיס יָאר פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער.

...

## אַרוֹיסְגֶעבְּן קְלִיפְּס פוּן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וֶוען דוּ גֵייסְט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעבְּן נָאךְ קְלִיפְּס פוּן

נִגּוּנֵי אֱמוּנָה.

הַיינְט זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַאר׳תַּמְ׳ט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען, צוּ לֵיינֶען אוּן צוּ הֶערְן דְרָשׁוֹת, נָאךְ אֵיין זַאךְ אִיז גֶעבְּלִיבְּן וָואס זָאל אִינְטֶערֶעסִירְן מֶענְטְשְׁן, קוּקְן קְלִיפְּס אוּן וַואטְשְׁן ווִידִיאוֹס, דַארְף מֶען צֶעבְּרֶעכְן דִי קְלִיפּוֹת מִיט דִי קְלִיפִּיס, מִיט קְלִיפִּיס פוּן אֱמוּנָה.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְגֶעבְּן כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ קְלִיפּ; דֶערְמַאן זִיךְ ווִי אַזוֹי דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, נָאר פוּן אַ קְלִיפּ, קוּק זִיךְ אָן הַיינְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט פוּן דִיר.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נָאר שַׁיָּיךְ וֶוען ׳בֵּיידֶע׳ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... אוּן ... שֶׁיִּחְיוּ.**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט מִיר מַאכְן נַחַת, אִיר זָאלְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת. אִיךְ ווִיל נִישְׁט אִיר זָאלְט זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן; אִיר זֶענְט בַּיי מִיר זֵייעֶר טַייעֶר, אִיךְ הָאבּ עֶנְק זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ בֵּיידֶע ווִי שֵׁיין אִיר לֶעבְּט.

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נָאר שַׁיָּיךְ וֶוען ׳בֵּיידֶע׳ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, וֶוען בֵּיידֶע רֶעכֶענֶען זִיךְ מִיט דִי גֶעפִילְן פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, רֶעד שֵׁיין צוּ ... תִּחְיֶ׳, הַאלְט אִיר טַייעֶר, זִי אִיז דִיר אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל. דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶעבְּן לוֹיט דַיינֶע טַעֲמִים אוּן דַיינֶע וֶועגְן, לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ אִיז ווִי אַ שׁוּתְּפוּת; שׁוּתְּפִים קֶענֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין וֶוען בֵּיידֶע שׁוּתְּפִים פַארְשְׁטֵייעֶן אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ שׁוּתָּף אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט.

אוּן אוֹיךְ דִיר ... תִּחְיֶ׳ בֶּעט אִיךְ, רֶעד שֵׁיין צוּ ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיר זֶענְט צְוֵויי ווָאוּילֶע מֶענְטְשְׁן, אִיר קֶענְט זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, נָאר אַז בֵּיידֶע וֶועט אִיר קוּקְן שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן אוּן זוּכְן דִי מַעֲלוֹת אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן.

...

## דֶער יְסוֹד פוּן מְלַמְּדוּת אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דֶער טֵייעֶרֶער מְלַמֵּד אִין מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד; עֶס קֶען זַיין אַז עֶס זֶענֶען דָא בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסוֹת, מֶענְטְשְׁן פַאַרְדִינֶען מֶער גֶעלְט, אָבֶּער תַּכְלִית אִיז דָאס. וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר דָאס וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן אַז מֶען בּוֹיט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער יְסוֹד פוּן מְלַמְּדוּת אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ; קִינְדֶער מוּזְן הָאבְּן דִיסְצִיפְּלִין, קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט אַרוּמְטַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג. דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מְלַמֵּד, דֶער מְלַמֵּד דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דֶּרֶךְ אֶרֶץ; אַז מֶען מוּז פָאלְגְן, מֶען מוּז זִיצְן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ וֶוען מֶען דַארְף זִיצְן (יֶעדֶע כִּתָּה לוֹיט זַיין שְׁטֵייגֶער).

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט נָאךְ סוּכּוֹת וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִי נֵייעֶ זְמַן, מֶען גֵייט אַרִיבֶּער פוּן אֵיין כִּתָּה צוּם צְוֵוייטְן, זָאלְסְטוּ אַיינְפָּארֶעמֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיצְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ; אוֹיב דוּ וֶועסְט אַרַיינְלֵייגְן כּוֹחוֹת אִין דֶעם, בִּפְרַט אָנְהֵייבּ זְמַן - וֶועט דִי גַאנְצֶע יָאר גֵיין גְרִינְגֶער.

...

## נִישְׁט גֵיין אִין גַאס מִיט שְׁטוּבּ קְלֵיידֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ הָאסְט גֶעפְרֶעגְט, דַיין וַוייבּ וִויל וִויסְן אוֹיבּ זִי זָאל זִיךְ פָּארְנֶעמֶען לִכְבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר נִישְׁט צוּ גֵיין אַ לַאנְגֶע קְלֵייד אִין שְׁטוּבּ.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ לַאנְגֶע קְלֵייד אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ גֵיין, אָבֶּער דָאס אִיז גֶעמַאכְט צוּ גֵיין אִין שְׁטוּבּ; אַלֶע גֵייעֶן שַׁבָּת מִיט לַאנְגֶע קְלֵיידֶער, אָבֶּער דָאס אִיז אַ שְׁטוּבּ קְלֵייד, וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס דַארְף מֶען זַיין פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ צוּעֶן צוּ זִיךְ פְרֶעמְדֶע אוֹיגְן.

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ פְלֶעגְט מֶען גֵיין לַאנְג בִּיז מַיין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן אַ רְשׁוּת הָרַבִּים, יֶעדֶע שַׁבָּת קוּמֶען בָּחוּרִים, גֶעסְט, גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט אִין גַאס.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט גֵיין אִין גַאס מִיט שְׁטוּבּ קְלֵיידֶער. בִּפְרַט דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, זַיי בֶּעט אִיךְ נָאךְ מֶער מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אִין גַאס שֵׁיין רַייךְ אוּן אֵיידְל, נִישְׁט שְׁלֶעפֶּערִישׁ, לַאנְג אוּן קְלֶעבֶּעדִיג. אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַז דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן אוֹיפְקֶערְן דִי גַאסְן אִין שְׁטֶעטְל מִיט דִי לַאנְגֶע קְלֶעבֶּעדִיגֶע שְׁלֶעפֶּערִישֶׁע שְׁטוּבּ קְלֵיידֶער.

אִין שְׁטוּבּ, פַאר דִי מַאן - אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין מִיט דֶעם.

אַ זִיסֶע יָאר.

...

**דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט דִי חֲתוּנָּה נַאכְט, נָאר דָאס לֶעבְּן נָאכְדֶעם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז יֶעצְט צֶעשָׁאקְלְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שָׁאקְלְט אוּנְז אוֹיף, עֶס בּוּזְשֶׁעוֶועט אִין דִי וֶועלְט דִי עֶפִּידֶעמִיעֶ פוּן קָארָאנֶע, לֶענְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן אוּן אַסַאךְ חֲתָנִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער דִי צַעַר, זַיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען זַיי קֶענֶען נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָּה מִיט דִי מִשְׁפָּחָה וְכוּ'.

דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ פַאר דִיר אַלֵיינְס אִיז יָא דָא אַ וֶועג אַרַיין צוּ גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוֹיבּ יָא, אוּן אוֹיבּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען מַסְכִּים דוּ זָאלְסְט חֲתוּנָּה הָאבְּן אָן זֵיי, זָאלְסְטוּ דָאס זִיכֶער טוּן, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דִי זְמַן הַחֲתוּנָּה.

פְרֶעג דַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס זַיי זָאגְן; לוֹיט וִויפִיל אִיךְ קֶען דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זַיי זִיכֶער מַסְכִּים זַיין דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּם חֲתוּנָּה אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, זַיי בְּרֶענְגֶען נַחַת.

מִיר אִידְן הָאבְּן חֲתוּנָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן חֲתוּנָה הָאבְּן און גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער; אַוַדַאי אִיז דִי נַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה אַ פְּרֵיילִיכֶע צַייט, אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָר; דֶער עִיקָר אִיז אַז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וָואס מֶען לֶעבְּט זָאל מֶען לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט און שָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּם חוּפָּה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

...

## לָאז דַיין וַוייבּ גֵיין וִוי אַזוֹי זִי גֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

לָאז דַיין וַוייבּ גֵיין וִוי אַזוֹי זִי גֵייט, מוּטְשֶׁע אִיר נִישְׁט זִי זָאל זִיךְ טוּישְׁן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין חֵן, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן חֵן אִין אִירֶע אוֹיגְן און זִי זָאל הָאבְּן חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת חֵן, סִימָן ו): ״כְּשֶׁתַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתֶיךָ, תִּמְצָא חֵן״, אַז מֶען אִיז אַ וַתְּרָן, מֶען גֶעבְּט נָאךְ, מֶען זוּכְט נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן – דָאס בְּרֶענְגְט חֵן; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, וֶוען בֵּיידֶע – סֵיי דֶער מַאן און סֵיי דִי וַוייבּ, בֵּיידֶע גֶעבְּן נָאךְ אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן, דֶעמָאלְט אִיז דָא חֵן און אַז עֶס אִיז דָא חֵן אִיז שׁוֹין אַלֶעס דָא דָארְט.

דַאנְק דַיין וַוייבּ פַארְ׳ן זִיךְ פִּירְן אֵיידְל, אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר הָאבְּן קִינְדֶער צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוֹיסְהֵיילְן פוּן קָארָאנֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַייעֶר זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער, אַבִּיסְל חִיזוּק; הֱיוֹת אִיר זֶענְט יֶעצְט זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אִיר לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל מִיט דִי מַחֲלָה קָארָאנֶע לֹא עָלֵינוּ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שְׁנֶעל אוֹיסְהֵיילְן אוּן שִׁיקְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, חַזֶר׳ט אַייךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אָן אִים, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי מַחֲלָה אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט. אֱמוּנָה הֵיילְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אֱמוּנָה גֶעבְּט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת, מֶען קֶען פַארְנֶעמֶען וָואס סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים, דוּרְךְ זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כה): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, ״וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ״, מֶען דַארְף אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, ״וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, אוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, אַלֶעס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: ״וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה״, אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת.

...

Keren Hadfusa of Breslev
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205-1509
P: 718-387-2691
Email: Mail@kerenhadfusa.org